## How the Hasid, the Rom, and the Russian sing

The Hasid sings:
Lam tra de ray rom rom, lam tra de ray rom rom,
Aha yay, aha yay, a… lam tra de ray rom rom,
Lam tra de ray rom rom, aha yay, aha yay, a…

The Rom sings:
Dtsam dtsalum dtsalum dtsay, dtsam dtsalum dtsalum dtsay,
Dtsalum dtsay, dtsalum dtsay, dtsay!

The Russian sings:
Hey, hey, hey, hey!

The Hasid, the Rom, and the Russian sing:
Lam tra de ray, rom rom…
Dtsam dtsalum dtsalum dtsay…
Hey, hey, hey, hey!

8

## He promised me

He promised me, he promised me,
He promised to marry me.
When he went off with another girl,
It broke my heart.
*Sleep, my child, sleep*
*In your sweet sleep.*
*When God pays him back for his false love,*
*That will be his punishment!*

There isn't a single apple
Without a worm inside it.
And there isn't a single man
Who isn't rotten at heart.
*Sleep, my child, sleep…*

I sewed myself a dress
From fabric five yards long.
I hope they lose everything,
Those who separated us.
*Sleep, my child, sleep…*

9

## I would like to become a Rabbi

I would like to become a rabbi, but I don’t know any Torah;
I would like to become a merchant, but I’ve got nothing to sell.
I’ve got no hay, I’ve got no oats,
And my wife is cursing me, and I really would like a drink —
So when I see a rock, I sit down and cry.

I would like to become a ritual slaughterer, but I can’t hold a knife;
I would like to become a teacher, but I can’t read!
The horses refuse to move, the wheels refuse to turn,
And my wife is cursing me, and I really would like a drink —
So when I see a rock, I sit down and cry.

I would like to become a blacksmith, but I’ve got no anvil;
I would like to run a tavern, but my wife is a witch!
I’ve got no hay, I’ve got no oats,
And my wife is cursing me, and I really would like a drink —
So when I see a rock, I sit down and cry.

10

## If I had the Emperor's Power

If I had the emperor's power,
It wouldn't please me as much
As my love for you, my darling!
When I just look at you, I think: the whole world is mine!
Sleep, my child, may you rest and be healthy!

Your father didn't teach the child God's commandments,
So he will burn and broil in the world to come;
But you, my dear child, you should try by your righteousness
To get your father released from Hell!
Sleep, my child, may you rest and be healthy!

When someday I need to go to the next world,
The gates of Paradise will open wide.
You, my child, should be good and devout,
So that they'll say in the next world: Welcome in, mother of the righteous man!
Sleep, my child, may you rest and be healthy!

11

## My Heart is breaking

My heart is breaking; When I remember,
I wish I were dead, I want to unknow my life.
What's the use to go on living with my pleasures,
When I can't get the one I love!

I don't have the strength to bear it any longer,
To weep and wail, and to sing this song.
You bloomed like a flower for me for a moment;
You disappeared and you're not coming back!

There will come a time when you'll come to me
Looking for the place where we used to be.
Then the prettiest flowers will grow on my grave,
Just that same minute when you come to me.

12

## Yearning

If I only had what I desire,
How happy I would be!
How my heart yearns for you,
Every time I see you.

Oh, great God, you know everything,
You know whom my heart desires.
And you also know those that speak false,
Hear my bitter laments.

Send your angel as a matchmaker
Down to her father's house.
That angel himself shall sing at our wedding,
She shall be mine forever.

13

## Morning cometh

It's Shabbat night, dark inside the house, dark on the street,
And Yankl packs his things.
"God of Abraham, Yitshak and Jacob!"
And Yankl harnesses the sleigh.
"And God shall give you…"
And Yankl heads off.
He travels all night, he travels all day,
And Yankl falls asleep.

Wild winds rustle chasing each other,
Clouds fly above the mountains and the valleys,
And Yankl is still asleep.
He sleeps for days, and he sleeps for nights
Without waking up.
Black winds rustle chasing each other,
Clouds fly above the mountains and the valleys,
And Yankl finally wakes up.

"God, o God! For how long, my God,
Would you let me sleep?"
And God answered:
"Morning cometh and also night,
And you, Yankl, overslept."

14

## Our Father

Our dear father, our beloved!
Free our dear mother,
Rebuild our house.
It is bitter without our mother,
Being without a house breaks our bones.

Abraham, our ancestor!
*Why don’t you pray,*
*Why don’t you cry,*
*Why don’t you quarrel*
*With God on behalf of the Jews?*
*May He free us quickly*
*From exile and all evil,*
*The eternal light shall shine for us,*
*Our mother shall be respected,*
*We will go with our young and our old into our own land.*

Yitzhok, our forefather!
*Why don’t you…*

Jacob, our shepherd!
*Why don’t you…*

This answer comes from above:
“Oh you, my dearest son,
Don’t upset yourself about this!
The Temple of Zion will be rebuilt,
I will free your mother as well.
Be confident, wait for the Messiah,
And then sing a new song to the Lord in our own land!”

15

## Once upon a Time

Once upon a time there was a tale,
A tale that is not cheerful at all,
A tale that starts with
A Jewish king.

*Lyulinke, my little bird,*
*Lyulinke, my child,*
*I have lost such a love,*
*Alas, woe is me!*

The king had a queen,
And the queen had a vineyard,
The vineyard had a tree,
And the tree had a branch.

On the branch, there was a little nest,
And in the nest a little bird,
The bird had a little wing,
And the wing a little feather.

*Lyulinke, my little bird…*

The king is dead,
And the queen wasted away in grief,
The tree has toppled over,
And the little bird deserted its nest.

*Lyulinke, my little bird…*

## Oh yeah, in our Day

Oh yeah, in our day,
Let us give praise to our God the creator,
Who sits on high.
— One and one!
Let us see if we can explain
What "one" means:
*One is the groom's table,*
*Where you eat, where you drink,*
*Where you frolic, where you sing,*
*Where you dance, where you jump.*
*Old and young, everyone dance,*
*Make the bride and groom happy!*
*What the wedding costs,*
*God will repay.*

Oh yeah, in our day,
Let us give praise to our God the creator,
Who sits on high.
— One and two!
Let us see if we can explain
What "two" means.
*Two are the bride and the groom—*
*God will give them their due.*

*One is…*

Oh yeah, in our day,
Let us give praise to our God the creator,
Who sits on high:
— One and three!
Let us see if we can explain
What "three" means.
Three are the musicians
Who make old and young happy.

*Two are…*

*One is…*

**Dmitri Shostakovich**

**From Jewish Folk Poetry, Op. 79**

17

## I. The Lament for the dead Child

Sunshine and rain,
The bride lay down,
The bridegroom arrived,
The bride disappeared.

– So tell me, what did she have?
– A boy, a boy!
– What was his name?
– Moyshele, Moyshele.
– Where was Moyshele rocked?
– In a cradle.
– What was he suckled on?
– On bread with onions.
– Where is he buried?
– In a small pit.
– Oy, the little boy in a small pit!
In a small pit!
Moyshele in the grave, oy!

18

## II. The thoughtful Mother and Aunt

Sleep, sleep, sleep,
Daddy will go to the village,
He will bring an apple,
It will be good for your little head!

Sleep, sleep, sleep,
Daddy will go to the village,
He will bring a nut,
It will be good for your little feet!

Sleep, sleep, sleep,
Daddy will go to the village,
He will bring a duck,
It will be good for your little hands!

Sleep, sleep, sleep,
Daddy will go to the village,
He will bring a soup,
It will be good for your little belly!

Sleep, sleep, sleep,
Daddy will go to the village,
He will bring a bird,
It will be good for your little eyes!

Sleep, sleep, sleep,
Daddy will go to the village,
He will bring a bunny,
It will be good for your little nose!

19

## III. Lullaby

Sleep, my child, my child, my beautiful,
Sleep, my baby son!
Your father is in Siberia,
Just sleep, lyu-lyu-lyu-lyu …

Your mother sits at your cradle,
She sings a song, and she weeps,
One day, maybe, you will understand
What it was about!

Your father is far away in Siberia,
Sleep, my baby son!
You are still small, sleep now,
Ay, lyu-lyu-lyu-lyu …

My troubles are so great,
Sleep, my baby son!
Sleep, my son, my child, my darling,
Sleep, lyu-lyu-lyu-lyu …

20

## IV. Before a long Parting

Oh, Abraham, I cannot be without you!
Me without you, you without me – it can't be!

Do you remember there, at the gate
You whispered a secret into my ears.
Oh, woe, Rebecca,
Give me a kiss!

Oh, Abraham, I cannot be without you!
Me without you, you without me – it is like a
doorknob without the door!
Do you remember, together on the boulevard,
How I was smart and how you were silly.
Oh, woe, Rebecca,
Give me a kiss!

Oh, Abraham / Rebecca, I cannot be without you!
Me without you, you without me – it can't be!

Do you remember my red dress?
Oh, I was such a sweet girl!

Oh, Abraham! Oh, Abraham!
Oh, woe, Rebecca,
Give me a kiss!

21

## V. A Warning

Listen, Khasye!
You shouldn't go,
You are not allowed to go!
You shouldn't go with anyone!
Oh, don't go, don't go!

If you stay out until late at night,
Oh, how you will weep, how you will weep later!
Khasye! Listen! Khasye!

22

## VI. The abandoned Father

Reb Elye sits in his housecoat.
He is mourning his daughter, Tsirl, who converted to Christianity.

– Tsirele, my daughter, you were so happy here,
Come back from that insolent goy to you father!
Tsirele, my daughter! I will buy you dresses and rings!
Tsirele, my daughter! I will find a bridegroom for you too, one who is smart and good looking!
Tsirele, my daughter!

– I don't need your rings, I don't want your dowry,
I only want my goyish darling to be my faithful husband!
Officer! I beg you,
Throw the old Jew out right away!

– Tsirele, my daughter! Come back, my daughter!
Oh, come back to me! Tsirele, my daughter…

23

## VII. The Song of Misery

The roof sleeps on the attic,
Covered with shingles,
A child lies in the cradle
Naked, it doesn’t even have diapers.

Hop, hop, just like that,
The goat eats the straw from the roof! Oh!

In the attic stands a cradle,
Rocking a spider in it,
It drains my life,
And leaves me with nothing but poverty.

Hop, hop, just like that,
The goat eats the straw from the roof! Oh!

A rooster stands in the attic,
His coxcomb is red like fire.
I wish my wife could borrow a piece of
bread somewhere,
At least for the children!

Hop, hop, just like that,
The goat eats the straw from the roof! Oh!

*(text by B. Shafir)*

24

## VIII. Winter

Sheyndl, my Sheyndl is lying in bed,
Our child together with her.
There is not a wood chip in the house,
And the wind blows through the window.

The winter has arrived,
Cry, children, there is no more strength left!
Cry, oh, cry, children,
The winter has arrived!

## IX. A good Life

I did not use to sing songs, my dear brothers,
About the spaciousness of the fields,
Because it wasn’t for me that the fields grew green,
And dew trickled down on the grass.

In narrow cellars, dark as night,
I sat and sat, languishing.
In the cellar resounded my sad song
About sorrows, suffering and hardship.

Flow, just flow, little brook of the kolkhoz*,
And bring my cheerful greetings to my friends.
My home is in the happy kolkhoz now,
A blossoming tree stands at my window.

Now, the fields grow green for me as well,
From them milk and honey trickle down for me too.
I am happy! Tell my brothers,
I sing my songs about the fields of the kolkhoz now!

**collective farm*

## X. The young Girl's Song

On the meadow at the grove,
That seems to stand always lost in dreams,
We graze the herds of the kolkhoz
From the early morning until night.

I am sitting on a hill
With my flute in my hand,
And I can't get enough of looking
On the beauty of my country.

The green branches on the trees,
Oh, they are so beautiful!
On the fields wheat grows,
Its ears – what a pleasant sight!

Oy, oy, oy!
Oy, lyu-lyu-lyu …

When a little branch smiles at me
And the ears of the wheat beckon,
In my heart joy
Flares up like a spark.

Come, my faithful flute,
We shall play and sing,
And pour out on the meadow
My joy with you.

You won't have to lament anymore, little flute!
You won't have to weep as you used to.
Your cheerful sound will carry
Over mountains and valleys.

Oy, oy, oy!
Oy, lyu-lyu-lyu …

Here, in the kolkhoz, I can be happy,
Happy, endlessly happy!
And you, little flute, play now
Cheerfully for me!

## XI. Happiness

I took my husband by the hand,
I am not at all ashamed of being old.
We went to the theater,
And he sat next to me in the stalls, like a rich man!

We stayed until late at night,
And this is what I was thinking:
Oy, Sore, you, shoemaker’s wife,
What a delight has been bestowed on you in your old age! Oy!

Everyone should know about the happiness
That the Soviet state gave to me!
Each of my sons – an engineer!
How bright the sun shines upon us! Oy!

קום, מײַן פֿײַפֿעלע געטרײַע,
שפּילן, זינגען װעלן מיר,
און אויסגיסן אויף דער לאָנקע
מײַנע פֿרײדגעפֿילן מיט דיר.

זאָלסט ניט מער יאָמערן, פֿײַפֿל!
זאָלסט ניט װײנען, װי אַ מאָל.
פֿרײלעך זאָלן דײַנע טענער
טראָגן זיך אויף בערג און טאָל.

אוי, אוי, אוי!
אוי, ליר־ליר־ליו ...

איך קען דאָ אין קאָלװירט גליקלעך זײַן,
גליקלעך, גליקלעך אָן אַ שיעור!
פֿרײלעך, פֿרײלעך, פֿײַפֿל, פֿרײלעך
זאָלסט איצט זיך שפּילן מיר!

## XI. שׂרה, די שוסטערקע

איך האָב מײַן מאַן גענומען אונטערן האַנט,
איך שעם זיך גאָר ניט, װאָס איך בין שױן אַלט.
געקומען אין טעאַטער זײַנען מיר,
און אין פּאַרטער זיצט ער נעבן מיר – אַ גבֿיר!

געזעסן זײַנען מיר ביז שפּעט באַנאַכט,
און אָט אַזױ בײַ מיר האָב איך געטראַכט:
אױ, שׂרה, שוסטערקע,
װעלכן נחת האָב איך דאָ געהאַט אויף מײַנע אַלטע יאָרן! אוי!

און אַלע זאָלן װיסן פֿון מײַן גליק,
װאָס מיר געגעבן האָט די סאָװעט־װלאַסט!
די זין מײַנע ־ אַלע אינזשענירן זײַנען זײ!
די זון אַלײן שײַנט אויף אונדז העל אַזױ! אוי!

## IX. וועגן רחבֿות פֿון פֿעלדער

וועגן רחבֿות פֿון פֿעלדער, אוי, ברידער געטרײַע,
האָב איך אַ מאָל ניט לידער געזונגען,
ווײַל ניט פֿאַר מיר די פֿעלדער פֿלעגן גרינען,
און ניט פֿאַר מיר פֿלעגט טוי אַראָפּרינען.

אין ענגע קעלערס, אין פֿינצטערע ווי נאַכט,
בין איך געזעסן, געזעסן פֿאַרשמאַכט.
אין קעלער האָב אומעטיק זיך געטראָגן
מײַן ניגון וועגן צרות און לײַדן און פּלאָגן.

קאָלווירטישער טײַכל, זאָלסט פֿליסן, זאָלסט פֿליסן,
און גיב אַלע פֿרײַנד מײַנע פֿריילעכע גרוסן.
אין גליקלעכן קאָלווירט איז איצט מײַן היים,
בײַ מײַן פֿענצטער שטייט דאָ אַ בליִענדער בוים.

די פֿעלדער פֿאַר מיר, פֿאַר מיר אויך איצט גרינען,
פֿון זיי מילך און האָניק פֿאַר מיר אויך רינען.
כ׳בין גליקלעך! דו זאָלסט מײַנע ברידער דערציילן,
וועגן קאָלווירטשע פֿעלדער זינג איך איצט מײַנע לידער.



## X. אויף אַ לאָנקע

אויף אַ לאָנקע בײַ דעם וועלדל,
וואָס שטייט שטענדיק ווי פֿאַרטראַכט,
פּאַשען מיר קאָלווירטישע סטאַדעס
פֿון פֿרי ביז אין דער נאַכט.

אויף אַ בערגל זיץ איך מיר דאָ
מיט מײַן פֿײַפֿעלע אין האַנט,
און קען זיך ניט זאַט אָנקוקן
אויף דער שיינקייט פֿון מײַן לאַנד.

אויף די ביימער גרינען צווײַגן,
אַך, ווי זײַנען זיי דאָך שיין!
אויף די פֿעלדער בליִען זאַנגען,
זײַנען פֿול מיט חן.

אוי, אוי, אוי!
אוי, ליר־ליר־ליו...

גיט אַ צווײַגל מיר אַ שמייכל
און אַ זאַנגעלע אַ ווּנק,
עס צעפֿלאַקערן זיך אין האַרצן
פֿריידגעפֿילן ווי אַ פֿונק.

## VII. אויף דעם בוידעם

אויף דעם בוידעם שלאָפֿט דער דאַך,
צוגעדעקט מיט שינדעלעך,
און אין וויגל ליגט אַ קינד
נאַקעט, גאָר אָן ווינדעלעך.

האָפּ, האָפּ, אָט אַזוי,
עסט די ציג פֿון דאַך דעם שטרוי! אוי!

אויף דעם בוידעם שטייט אַ וויג,
וויגט זיך דאָרט אַ שפּין אין איר,
ציט פֿון מיר דאָס חיות אויס,
און דעם דלות לאָזט ער מיר.

האָפּ, האָפּ, אָט אַזוי,
עסט די ציג פֿון דאַך דעם שטרוי! אוי!

אויף דעם בוידעם שטייט אַ האָן,
און זײַן קאַם איז פֿײַעררויט.
זאָל מײַן ווײַב כאָטש פֿאַר די קינדער
באָרגן ערגעץ אַ שטיק ברויט.

האָפּ, האָפּ, אָט אַזוי,
עסט די ציג פֿון דאַך דעם שטרוי! אוי!



## VIII. דער ווינטער

עס ליגט אין בעט שיינדל, מײַן שיינדל,
מיט איר אויך צוזאַמען דאָס קינד.
אין שטוב איז ניטאָ קיין איין שפּענדל,
אין פֿענצטער, דאָרט בלאָזט זיך דער ווינט.

דער ווינטער, דער ווינטער איז דאָ שוין,
שרײַט, קינדער, קיין כּוח ס׳ניטאָ!
אוי, שרײַט זשע, אוי, שרײַט זשע, איר קינדער,
דער ווינטער, ער איז ווידער דאָ!

21

## V. הער זשע, כאַסיע

הער זשע, כאַסיע!
מען דאַרף ניט גיין,
מען טאָר ניט גיין!
מיט קיינעם טאָר מען ניט גיין!
אוי, ניט גיין, אוי, ניט גיין!

אַז דו וועסט גיין ביז אין שפּעט בײַנאַכט,
אוי, וועסט וויינען, וועסט וויינען שפּעטער!
כאַסיע! הער זשע! כאַסיע!

22

## VI. אַך, ניט גוט

שיבֿעה רב עליע זיצט אין כאַלאַט.
צירל, זײַן טאָכטער, זי האָט זיך געשמדט.

– צירעלע, טאָכטער! דאָ וואַרט דײַן גליק,
קום פֿון דעם שייגעץ צום טאַטן צוריק!
צירעלע, טאָכטער! קליידער און רינגען דיר קויף איך אַליין!
צירעלע, טאָכטער! און אויך אַ חתן געפֿין איך דיר, וואָס קלוג איז און שיין!

צירעלע, טאָכטער!

– איך בין דיר מוחל רינגען, איך דאַרף ניט דײַן נדן,
נאָר מײַן געליבטער שייגעצל זאָל זײַן מײַן געטרײַער מאַן!
Господин пристав, прошу вас, скорее
Гоните в шею старого еврея!

– צירעלע, טאָכטער!  צוריק קום, טאָכטער!
אוי, קער זיך צוריק צו מיר! צירעלע, טאָכטער ...

## III. שלאָף, מײַן קינד

שלאָף, מײַן קינד, מײַן טרייסט, מײַן שיינער,
שלאָף, מײַן זונעניו!
אַ סיבירניק איז דײַן טאַטע,
שלאָף, ליו־ליו־ליו־ליו ...

בײַ דײַן וויגל זיצט דײַן מאַמע,
זינגט אַ ליד און וויינט,
דו וועסט דאָס פֿאַרשטיין מסתּמא
וואָס זי האָט געמיינט.

ווײַט איז אין סיביר דײַן טאַטע,
שלאָף, מײַן זונעניו!
דו ביסט יונג נאָך, שלאָף לעת־עתּה,
אײַ, ליו־ליו־ליו־ליו ...

מײַנע צרות זײַנען אזוי גרויס,
שלאָף, מײַן זונעניו!
שלאָף, מײַן זון, מײַן קינד, מײַן ווילעס,
שלאָף, ליו־ליו־ליו־ליו ...



## IV. אוי, אַבֿרהם

אוי, אַבֿרהם, איך קען אָן דיר ניט זײַן!
איך אָן דיר, דו אָן מיר, קענען ניטביידע זײַן!

געדענקסטו, געדענקסטו, דאָרט בײַ דעם טויער
האָסטו געזאָגט אַ סוד מיר אין אויער.
אוי, אוי, רבקהניו,
גיב זשע מיר דײַן פּיסקעניו!

אוי, אַבֿרהם, איך קען אָן דיר ניט זײַן!
איך אָן דיר, דו אָן מיר, אַ קליאַמקע אָן אַ טיר!

געדענקסטו, געדענקסטו, מיט דיר בײַם בולוואַר,
איך בין דער קלוגער און דו דער נאַר.
אוי, וויי, רבקהניו,
גיב זשע מיר דײַן פּיסקעניו!

אוי, אַבֿרהם / רבקהלע, איך קען אָן דיר ניט זײַן!
איך אָן דיר, דו אָן מיר, קענען ניט ביידע זײַן!

געדענקסטו, געדענקסטו דאָס רויטע קליידל?
אוי, ווי בין איך געווען אַ זיסע מיידל!

אוי, אַבֿרהם! אוי, אַבֿרהם! /
אוי, אוי, רבֿקהניו,
גיב זשע מיר דײַן פּיסקעניו!

17

## I. זון מיט אַ רעגן

זון מיט אַ רעגן,
די כּלה געלעגן,
דער חתן געקומען,
די כּלה פֿאַרשוווּמען.

– זאָג, וועמען האָט זי געהאַט?
– אַ ייִנגל, אַ ייִנגל!
– ווי האָט עס געהייסן?
– משהלע, משהלע.
– געוויגט ווּ האָט מען משהלען?
– אין וויגל.
– וואָס האָט ער געזויגט?
– ברויט מיט אַ ציבל.
– ווּ איז ער באַגראָבן?
– אין אַ גריבעלע!
– אוי, ייִנגל אין גריבל! אין גריבל!
משהלע אין גריבל, אוי!

18

## II. שלאָף, שלאָף, שלאָף

שלאָף, שלאָף, שלאָף,
דער טאַטע פֿאָרן וועט אין דאָרף,
ברענגען וועט אַן עפּעלע,
אַ געזונט אין קעפּעלע, ליו!

שלאָף, שלאָף, שלאָף,
דער טאַטע פֿאָרן וועט אין דאָרף,
ברענגען וועט אַ ניסעלע,
אַ געזונט אין פֿיסעלע, ליו!

שלאָף, שלאָף, שלאָף,
דער טאַטע פֿאָרן וועט אין דאָרף,
ברענגען וועט אַן ענטעלע,
אַ געזונט אין הענטעלע, ליו!

שלאָף, שלאָף, שלאָף,
דער טאַטע פֿאָרן וועט אין דאָרף,
ברענגען וועט אַ ייַבעלע,
אַ געזונט אין בייַבעלע, ליו!

שלאָף, שלאָף, שלאָף,
דער טאַטע פֿאָרן וועט אין דאָרף,
ברענגען וועט אַ פֿייגעלע,
אַ געזונט אין אייגעלע, ליו!

שלאָף, שלאָף, שלאָף,
דער טאַטע פֿאָרן וועט אין דאָרף,
ברענגען וועט אַ העזעלע,
א געזונט אין נעזעלע, ליו!

## אוי, אַך, בימינו

אוי, אַך, בימינו,
לאָמיר געבן אַ שבֿח צום בורא אלוהינו,
וואָס ער זיצט ממעל עליונים.
– אַחת ואַחת!
לאָמיר זען צו פֿאַרטײַטשן,
וואָס "איינס" טוט באַטײַטן:
*איינס איז דעם חתנס טיש,*
*אַווּ מע עסט, אַווּ מע טרינקט,*
*אַווּ מע הוליעט, אַווּ מע זינגט,*
*אַווּ מע טאַנצט, אַווּ מע שפּרינגט.*
*אַלטע, יונגע, טאַנצט אַלע,*
*זײַט משׂמח חתן וכּלה!*
*וואָס די חתונה האָט געקאָסט,*
*וועט דאָך גאָט זײַן ממלא!*

אוי, אַך, בימינו,
לאָמיר געבן אַ שבֿח צום בורא אלוהינו,
וואָס ער זיצט ממעל עליונים.
– אַחת ושתּים!
לאָמיר זען צו פֿאַרטײַטשן,
וואָס "צוויי" טוט באַטײַטן:
*צוויי זײַנען חתן־כּלה —*
*גאָט זאָל זיי זײַן ממלא!*

*איינס איז ...*

אוי, אַך, בימינו,
לאָמיר געבן אַ שבֿח צום בורא אלוהינו,
וואָס ער זיצט ממעל עליונים,
– אַחת ושלוש!
לאָמיר זען צו פֿאַרטײַטשן
וואָס "דרײַ" טוט באַטײַטן:
דרײַ זײַנען די כּלי־זמרים,
וואָס זײַנען משׂמח זקנים ונערים.

*צוויי זײַנען ...*

*איינס איז ...*

## טאַטעניו

טאַטעניו, האַרצעניו!
לייז אויס אונדזער מאַמעלע,
ריכט אויף אונדזער הייַזעלע.
אָן מאַמע ביטער-שלעכט,
אָן הייַזל די ביינער ברעכט.

אברהמעניו, אונדזער זיידעניו!
*פֿאַר וואָס זשע בעטסטו נישט,*
*פֿאַר וואָס זשע שרייַסטו נישט,*
*פֿאַר וואָס זשע, אוי, פּילדערסטו נישט*
*צו דעם גאָט פֿאַר די ייִדן?*
*ער זאָל גיך אונדז אויסלייזן*
*פֿון גלות און אַלע בייזן,*
*דער נר־תּמיד זאָל אונדז לייַכטן,*
*אונדזער מאַמע זאָל מען אַכטן,*
*בנערינו, בזקנינו לארצנו.*

יצחקעניו, אונדזער אַלטעניו!
*פֿאַר וואָס זשע ...*

יעקבֿעניו, אונדזער פּאַסטוכל!
*פֿאַר וואָס זשע ...*

ענטפֿערט מען אים פֿון אויבן:
„אוי דו, זוניו, זוניו, זוניו,
נעם זיך ניט, מייַן זון, צום האַרצן!
דער בית-קודש וועט געבויט ווערן,
די מאַמע וועל איך אויסלייזן גערן.
זייַ בטוח, וואַרט אויף משיח,
ונאמר לפניו שירה חדשה לארצנו!"



## אַמאָל אַיז געווען אַ מעשׂה

אַ מאָל איז געווען אַ מעשׂה,
די מעשׂה איז גאָרניט פֿריילעך,
די מעשׂה הייבט זיך אָנעט
מיט אַ ייִדישן מלך.

*ליולינקע, מייַן פֿייגעלע,*
*ליולינקע, מייַן קינד,*
*כ'האָב אָנגעוואָרן אַזאַ ליבע,*
*ווי איז מיר און ווינד.*

דער מלך האָט געהאַט אַ מלכּה,
די מלכּה האָט געהאַט אַ ווייַנגאָרטן,
דער ווייַנגאָרטן האָט געהאַט אַ בוים,
דער בוים האָט געהאַט אַ צווייַג.

דער צווייַג האָט געהאַט אַ נעסטעלע,
דער נעסט האָט געהאַט אַ פֿייגעלע,
די פֿייגעלע האָט געהאַט אַ פֿליגעלע,
די פֿליגעלע האָט געהאַט אַ פֿעדערל.

*ליולינקע, מייַן פֿייגעלע ...*

דער מלך איז אָפּגעשטאָרבן,
די מלכּה איז געוואָרן פֿאַרדאָרבן,
דער בוים איז אָפּגעבראָכן,
די פֿייגעלע פֿון נעסט אַנטלאָפֿן.

*ליולינקע, מייַן פֿייגעלע ...*

## אַז איך וואָלט געהאַט אָט דאָס וואָס איך מיין

אַז איך וואָלט געהאַט אָט דאָס וואָס איך מיין,
וואָלט איך דאָך גליקלעך געווען.
מיר טוט דאָך מײַן האַרץ אויסגיין,
ווען איך טו דיך דערזען.

אַך, גרויסער גאָט, דו ווייסט דאָך אַלץ,
אין מײַן האַרצן ווען איך מיין.
און דו ווייסט דאָך דעם, וואָס רעדט פֿאַלש,
פֿאַרנעם מײַן גרויס געוויין.

אַך, שיק שוין דײַן מלאך פֿאַר אַ שדכן
צו איר טאַטן אין שטוב אַרײַן.
ער זאָל זײַן אַליין דער בדחן,
זי זאָל בײַ מיר אויף אייביק זײַן.



## אָתָא בֹקֶר

שבת באַנאַכט. פֿינצטער אין שטוב, פֿינצטער אין גאַס,
און יאַנקל פּאַקט די זאַכן.
„גאָט פֿון אבֿרהם, פֿון יצחק און פֿון יעקבֿ!“
און יאַנקל שפּאַנט דעם שליטן.
„ויתּן לך, ויתּן לך ...“
און יאַנקל פֿאָרט אין וועג.
ער פֿאָרט די נאַכט, ער פֿאָרט דעם טאָג,
און יאַנקל ווערט אַנטשלאָפֿן.

ווילדע ווינטן רוישן, יאָגן,
ס'פֿליִען וואָלקן איבער בערג און טאָלן,
און יאַנקל שלאָפֿט נאָך אַלץ.
ער שלאָפֿט די טעג, ער שלאָפֿט די נעכט
און כאַפּט זיך קיין מאָל אויף.
שוואַרצע ווינטן רוישן, יאָגן,
ס'פֿליִען וואָלקן איבער בערג און טאָלן,
און יאַנקל כאַפּט זיך אויף.

„גאָט, אָ גאָט! ביז ווי לאַנג, אָ גאָט,
וועסטו מיר לאָזן שלאָפֿן?“
און גאָט האָט אים געענטפֿערט:
„אָתָא בקֶר וְגַם לַיְלָה,
און דו, יאַנקל, האָסט פֿאַרשלאָפֿן.“

11

## מייַן האַרץ צעגייט אין מיר

מייַן האַרץ צעגייט אין מיר; אַז איך טי זיך דערמאָנען,
ווינטש איך מיר דעם טויט, כ׳וויל מייַן לעבן ניט קאָנען.
ווּס טויג מיר מייַן לעבן מיט מייַנע פֿאַרגעניגן,
אַז ווּעמען איך ליב, דעם קאָן איך ניט קריגן!

מער צי פֿאַרטרוגן איז קיין כּוח ניט,
צי וויינען אין צי קלוגן, אין צי זינגען דוס ליד.
האָסט געבליט אין מייַנע אויגן אויף איין אויגנבליק;
די ביסט פֿין מיר פֿאַרפֿלויגן אין קימסט שוין ניט צוריק!

ס׳וועט זייַן אַזאַ צייַט, ווּס די וועסט צי מיר קימען
זיכן דעם אָרט, ווי מיר פֿלעגן זיך געפֿינען.
דאַן אויף מייַן קבֿר וועלן שפּראָצן די שענסטע בלימען,
די זעלבע מיניט גראַדע, ווען די וועסט צי מיר קימען.

10

## אַז איך וואָלט געהאַט דעם קייסרס מלוכה

אַז איך וואָלט געהאַט דעם קייסרס מלוכה,
וואָלט דאָס גאָר ניט זײַן בײַ מיר אַזוי גרויס ניחה,
ווי דו ביסט מיר ניחה, מײַן ליבט, מײַן שײַן!
אַז איך דערזע דיך, מיין איך — די גאַנצע וועלט איז מײַן!
שלאָף, מײַן קינד, זאָלסט מיר רוען און זײַן געזונט!

דער טאַטע האָט דאָס קינד ניט געלערנט וואָס גאָט האָט געבאָטן,
וועט מען אים אויף יענער וועלט ברענען און בראָטן;
און דו, מײַן ליב קינד, מיט דײַן צידקות זאָלסט זיך מיִען,
דײַן טאַטן פֿון גיהנום אַרויסצוציִען!
שלאָף, מײַן קינד, זאָלסט מיר רוען און זײַן געזונט!

אַז איך וועל אַ מאָל דאַרפֿן אויף יענער וועלט גיין,
וועלן די טירן פֿון גן־עדן אָפֿן שטיין.
דו, מײַן קינד, זאָלסט מיר זײַן אַ פֿרומער און אַ גוטער,
וועט מען זאָגן אויף יענער וועלט: לאָזט אַרײַן דעם צדיקס מוטער!
שלאָף, מײַן קינד, זאָלסט מיר רוען און זײַן געזונט!

8
## ער האָט מיר צוגעזאָגט

ער האָט מיר צוגעזאָגט, ער האָט מיר צוגעזאָגט,
ער האָט מיר צוגעזאָגט צו נעמען.
ער גייט אַוועק צו אַן אַנדער מיידל,
טוט מײַן האַרץ קלעמען.
*שלאָף, מײַן קינד, שלאָף*
*אין דײַן טײַערן שלאָף,*
*ווען גאָט וועט אים באַצאָלן פֿאַר דער פֿאַלשער ליבע,*
*דאָס וועט שוין זײַן זײַן שטראָף!*

ס’איז גאָר ניטאָ קיין עפּעלע
וואָס זאָל ניט זײַן קיין וואָרעם אין דערינען.
ס’אי’ גאָר ניטאָ קיין מאַנספּאַרשוין
וואָס זאָל ניט האָבן קיין פֿאַלשן זינען.
*שלאָף, מײַן קינד, שלאָף ...*

איך האָב זיך גענייט אַ קליידעלע
פֿון פֿינף אַרשין די ברייט.
קיין גוטס און קיין האָב זאָלן זיי ניט האָבן,
די, וואָס האָבן אונדזער ליבע פֿונאַדערגעשיידט!
*שלאָף, מײַן קינד, שלאָף ...*

9
## זאָל איך ווערן אַ רבֿ

זאָל איך ווערן אַ רבֿ, קען איך ניט קיין תּורה;
זאָל איך זײַן אַ סוחר, האָב איך ניט קיין סחורה.
און קיין היי האָב איך ניט, און קיין האָבער האָב איך ניט,
און דאָס ווײַב שילט זיך, אַ טרונק בראָנפֿן ווילט זיך –
זע איך מיר אַ שטיין, זעץ איך מיך און וויין.

זאָל איך זײַן אַ שוחט, האַלט איך ניט קיין חלף;
זאָל איך זײַן אַ מלמד, קען איך ניט קיין אַלף!
און די פֿערד גייען ניט, און די רעדער דרייען ניט,
און דאָס ווײַב שילט זיך, אַ טרונק בראָנפֿן ווילט זיך –
זע איך מיר אַ שטיין, זעץ איך מיך און וויין.

וויל איך ווערן אַ קאָוואַל, האָב איך ניט קיין קאָוואַדלע;
וויל איך זײַן אַ שענקער, איז מײַן ווײַב אַ פּאַדלע!
און קיין היי האָב איך ניט און קיין האָבער האָב איך ניט,
און דאָס ווײַב שילט זיך, אַ טרונק בראָנפֿן ווילט זיך –
זע איך מיר אַ שטיין, זעץ איך מיך און וויין.

5

## סלושײַ!

סלושײַ! ווער אי׳ דאָ?
איך נעבעך, אָרעמער שומר!
פֿאַרוואָגלט איז פֿון מיר די נאַכט,
דער שלאָף ברעכט מיר מײַנע בײנער.
צי דען בין איך פֿון אײַזן געמאַכט?
אַלע בעלי־בתּים טוען אין די בעטן ליגן
און פֿאַרברענגען זיך אין פֿאַרגעניגן.
נאָר איך בין אײנער אַלײן,
מײַן קישן איז אַ שטײן!
סלושײַ! ווער אי׳ דאָ?

6

## זײַט געזונטערהײט

זײַט געזונטערהײט, מײַנע ליבע עלטערן!
איך פֿאָר אַוועק אין אַ ווײַטן וועג,
ווו קײן ווינט ווײ׳ט ניט און ווו קײן פֿויגל פֿליט ניט,
און ווו קײן האָן קרײ׳ט ניט.

זײַט געזונטערהײט, מײַנע ליבע עלטערן!
איך פֿאָר פֿון אײַך אַוועק.
גאָט זאָל געבן געזונט און לעבן,
און מיר אַ גליקלעכן וועג!

7

## ווי זינגט דאָס חסידל, דאָס ציגײַנערל, דער איוואַנקע

מאַכט דאָס חסידל:
לאַם טראַ דע רײַ ראָם ראָם, לאַם טראַ דע רײַ ראָם ראָם,
אַהאַ ײַי, אַהאַ ײַי, אַ… לאַם טראַ דע רײַ ראָם ראָם,
לאַם טראַ דע רײַ ראָם ראָם, אַהאַ ײַי, אַהאַ ײַי, אַ…

מאַכט דאָס ציגײַנערל:
דצאַם דצאַלום דצאַלום דצײַ, דצאַם דצאַלום דצאַלום דצײַ,
דצאַלום דצײַ דצאַלום דצײַ, דצײַ!

מאַכט דער איוואַנקע:
היי, היי, היי, היי!

מאַכט דאָס חסידל, דאָס ציגײַנערל, דער איוואַנקע:
לאַם טראַ דע רײַ ראָם ראָם…
דצאַם דצאַלום דצאַלום דצײַ…
היי, היי, היי, היי!

3

## די שיינע רחלע

זי זיצט זיך אין פֿענצטער און קאַמט זיך די הערלעך;
פֿאַר וועמען זי איז צעלאָזן – פֿאַר מיר איז זי ערלעך.
אוי וויי, אַ יאָמער, אוי וויי, אַ קלאָג!
ניטאָ די שיינע רחלע ביז הײַנטיקן טאָג.

לײַט מיט די צינגער, טוען זיי ריידן,
און איך מיט מײַן רחלען וועלן זיך קיין מאָל שיידן.
אוי וויי, אַ יאָמער, אוי וויי, אַ קלאָג!
ניטאָ די שיינע רחלע ביז הײַנטיקן טאָג.

4

## שפּאַצירן זײַנען מיר

שפּאַצירן זײַנען מירביידע געגאַנגען;
פֿיל דונערן און בליצן זײַנען אַריבערגעגאַנגען.

*אוי, כ׳האָב געטאָן אַזאַ זאַך: כ׳האָב גאָר ניט באַטראַכט.*
*כ׳האָב געמיינט, אַז ס׳איז טאָג, צום סוף איז גאָר נאַכט.*
*אוי! מאַמע, מאַמע! דו ביסט דאָך געווען:*
*אַז מען פֿאָלגט ניט קיין עלטערן, קומט אַרויס שלעכט!*

כ׳האָב געשפּילט אַ ליבע — כ׳האָב געמיינט, ס׳וועט זײַן גוט,
און איצט פֿאַרגיסט מען ווי וואַסער מײַן בלוט.
*אוי, כ׳האָב געטאָן אַזאַ זאַך ...*

ווי גוט און ווי ווויל וואָלט אונדז געווען,
ווען מיר וואָלטן ביידע אַ פּאָרפֿאָלק געווען!
*אוי, כ׳האָב געטאָן אַזאַ זאַך ...*

1
## אַך, ניט גוט

אַך, ניט גוט,
איך האָב קיין פֿרײַ מוט!
עס גייט מיר ניט אײַן מײַן לעבן:
ווי שלעבט איז מיר,
אַז מען האָט דיך
פֿאַר אַ סאָלדאַט אָפּגעגעבן!
ס׳נעמט מיך אָן אַ שרעק,
אַז מען טרײַבט דיך אַוועק
פֿון מיר אַזוי ווײַט!
טאָ ווי זאָל איך קענען
אָן דיר אויסקומען
אַזאַ לאַנגע צײַט?

איך בעט דיך, מײַן געטרײַע,
דו בלײַבסט דאָך אַ פֿרײַע,
דו טוסט דאָך אין דער היים פֿאַרבלײַבן:
בעט איך בײַ דיר,
האָב מיטלייד מיט מיר, –
דו זאָלסט מיר אַ בריוועלע שרײַבן!
אַז איך וועל בלײַבן אַליין,
וועט מיר ניט אײַנגיין
קיין עסן און קיין שלאָפֿן;
און דו, מײַן קרוין,
פֿאַרגעס קיין געוויין,
און טו אויף מיר האָפֿן!

2
## קליפּ־קלאַפּ!

– קליפּ־קלאַפּ! עפֿן מיר!
שלאָפֿסטו, טאָ זאָג זשע מיר!
– שלאָפֿן שלאָף איך אַפֿילו ניט,
נאָר עפֿענען וועל איך אַוודאי ניט!

– קליפּ־קלאַפּ אין גאָלדן טיר,
מײַנע ליבע, עפֿן מיר!
– קלאַפּן, קלאַפּן זאָלסטו ניט,
עפֿענען וועל איך דיר ניט!

– סאַראַ ווינט עס וויי׳ט, סאַראַ רעגן עס גייט,
ב׳וועל אײַננעצן מײַן זײַדן קלייד!
– דאָס זײַדענע קלייד וועסטו אויפֿהייבן,
אונטערן ביימעלע אַוועקלייגן.

– מיט וואָס זאָל איך זיך צודעקן?
און ווער וועט מיך דאָך אויפֿוועקן?
– דאָס ביימעלע וועט דיך צודעקן,
דאָס פֿייגעלע וועט דיך אויפֿוועקן.

Producer: Sára Gutvill
Executive producer Zefir Records, recording, editing and mastering: Jakko van der Heijden
Recorded between 10-13 July 2022 at the *Zeeuwse Concertzaal*, Middelburg, Netherlands
Piano: Steinway D 470340
Piano technique: Joost van Hartevelt, De Hamernoot, Middelburg

Yiddish - English translations:
1-11, 16: Alex Weiser, Leyzer Burko, Stefanie Halpern
12-15, 17-27: Sára Gutvill, Tyrone Landau
Yiddish advice and proofreading: Dr. Alexandra Polyan

Photography: Michel Marang
Design: Meeuw

**vertoon.org**
**zefirrecords.nl**

This project would not have been possible without the generous support of our donors as well as the following organizations:

